# NEW YORKISH

L. Shapiro

*L. (Levi-Yehoshua) SHAPIRO (1878-1948) — born near Kiev; died in Los Angeles.*

*Shapiro signed his works with his first initial and is always referred to as "La-med" (Yiddish letter for his initial) Shapiro. After his traditional Jewish education, Shapiro formally studied the Russian language. His early poems were written in Yiddish, Hebrew, and Russian. In 1896 he met I.L. Peretz, who recognized the merit of his first literary efforts and published some of his work in the* Yiddishe bibliotek, *a Yiddish literary annual edited by Peretz.*

*After the pogroms in Russia in 1905 he emigrated to America, with a one-year stopover in London, where he wrote for the* Freie arbeter velt. *In 1909 his story* The Cross *aroused so much interest that he was welcomed onto the pages of the* Forverts *and* Zukunft. *He then returned to Europe, where he wrote for the Warsaw Yiddish press and translated various works by Dickens, Victor Hugo, and Walter Scott into Yiddish. Two years later he came back to New York and stayed until 1921; he then moved to Los Angeles, where he spent six years trying to develop a form of color film. In 1927 he moved back to New York but finally returned to Los Angeles in 1939.*

נויאָרקיש.

אַ.

פֿאַרנאַכט האָט אַ מענטש מיט אַ ברוגז'ן פּנים באַשטעלט אַ פּאָרציע בלינעס ביים הייסן טיש אין רעסטאָראַן „אויטאָ-מאַט".

אַ מיידל מיט נאַקעטע, ברוינע אָרעמס, אין אַ ווייסן פֿאַרטוך און מיט אַ לייוונטענעם היטל אויף די האָר, האָט אַריבער-געוואָרפֿן די באַשטעלונג צום קאָכער, האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף יענער זייט טיש און פּלוצים געגעבן דעם באַ-שטעלער אַן אָפֿענעם שמייכל: לאָמיר זיין חבר.

דאָס ברוגז'ע פּנים איז געבליבן ברוגז, די קיילעכדיקע אַקסלען האָבן זיך געפּרוּווט אַ הויקער טאָן כּדי אויסצודריקן נאָך מער רוגזה, נאָר דאָס האָט שוין דאָס בייכל ניט דערלאָזט. דעם מיידל'ס מויל האָט זיך צוריק צונויפֿגעצויגן, דער שמייכל איז ניט-געוואָרן — אויטאָמאַטיש, ווי עס פּאַסט פֿאַר יענעם רעסטאָראַן. זי האָט אַ מיש געטאָן מיטן לעפֿל אין איינעם פֿון די הייסע טעפּ, זי האָט אַ מיש געטאָן מיטן לעפֿל אין אַ צווייטן פֿון די הייסע טעפּ, האָט אויפֿגעהויבן דעם שוואַרצן, ניט-געשווירענעם קאָפּ מיטן לייגלאַכן ניט-שיינעם פּנים — און ווידער געוויזן אַ שמייכל. דאָס מאָל איז ער ניט געווען אַזוי איינפֿאַך — געווען פֿאַרבעטנדיק, און קינדיש אומזיכער. קינדיש איז אויך געווען דער פֿאַר-שמאַכטער, גלוסטנדיקער בליק — ווי די מאָגערע אָרעמס וואָס זענען רחמנות'דיק געלאָפֿן אַרויף צו די אַקסלען — ווי דער דאַרער קאַלנערביין אַרום דינעם האַלדז. דאָס פּנים אַליין איז געווען אַ סך עלטער. זי האָט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן, און אויך זעקס-און-צוואַנציק, און אַפֿילו מער. דער ברוגז'ער גאַסט האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר צע-טומלט. ביסלעכווייז איז דער רוגז אָפּגעגאַנגען פֿון זיינע אויגן, ווי אַ פֿראָסט פֿון אַ שויב אַראָפּ; די בולדאָגישע מאָרדע האָט פֿאַרלוירן איר האַרטקייט. אויף אַזאַ פּנים איז דאָס געווען אַ שמייכל — אַ צוריקשמייכל. גאָט צו דאַנקען!

דאָס מיידל איז געוואָרן פֿריילעכער און האָט ענערגיש און פֿלינק רעאַגירט אויף די פֿאַרלאַנגען פֿון די אַנדערע געסט. דער מענטש מיטן ברוגז'ן פּנים האָט געקראָגן זיינע בלינעס מיט האָניק און פּוטער און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל ניטווייט פֿונעם הייסן טיש. ער האָט געאַרבעט מעטאָ-דיש: פֿריִער אַריינגעלייגט די ריפֿטלעך פּוטער צווישן די הייסע בלינעס, זיי זאָלן דערווייל צעגיין, זיך אָנגעצאַפּט קאַווע פֿון אויטאָמאַטישן קראַן אין דער וואַנט, אויסגעטאָן און אויפֿגעהאָנגען אויף אַ הענגער זיין מאַנטל און הוט. ער איז אַ היפּשע ווײַלע געזעסן ביי זיין טיש אומבאַוועגלעך, מיט די קיילעכדיקע אַקסלען אַראָפּגעלאָזן, ווי אין מידקייט, און אויף דער קרוין פֿון זיין שאַרבן האָט העלפֿאַנטביייניק

*◆ ◆ ◆ New Yorkish*

1

At dusk, a man with a sullen face ordered some pancakes at the hot food counter of The Automat.

A girl with bare, brown arms, in a white apron with a linen cap over her hair, flung the order over to the cook, turned toward the far side of the counter, and suddenly gave the customer a warm, open, let's-be-friends smile.

The face stayed sullen; the rounded shoulders tried to hump themselves, to express still more sullenness, but the belly made that impossible. The girl's mouth drew back and tightened, the smile was gone—automatically, as is only fitting in such a restaurant. She took a spoon and stirred one of the steaming pots, stirred a second pot, raised her black-haired head with its long, not especially pretty face, and then gave another smile. This time it wasn't so simple—it was inviting, childlike, unsure. Childlike also were the weary, longing gaze, the thin arms, stretching pityingly down from the shoulders, and the thin collarbone around the meager neck. The face itself was much older; she could have been sixteen, or twenty-six, or older still. The sullen customer looked at her for a while, disconcerted. Gradually the sullenness left his eyes, the way frost leaves a window, and the bulldoggish chin lost its stiffness. On such a face, that was a smile—an inviting smile. Thank God!

The girl was more cheerful now, and reacted nimbly and energetically to the orders given by other customers. The man with the sullen face got his pancakes, with honey and butter, and sat down at a small table near the hot counter. He worked methodically—first putting the pats of butter between the hot pancakes so that they would melt; then pouring himself some coffee from the automat faucet set into the wall, and finally taking off his coat and hat and putting them on a hanger. He sat a good while at his table, unmoving, with his rounded shoulders sunken as if from exhaustion. At the top of his head there was a bald

---

The Automat: The details of the sentence make clear that Shapiro is referring here to a particular restaurant, called "The Automat." The odd thing is that the restaurant in question is not in fact an automat, but a classic cafeteria.

דאָלאָרעס!... נו, און ווי זאָל איך דיך רופן?

אין מאַן זענען זיי אַריבער אויף דו — כאָטש היינטיקער ענגליש געברויכט ניט קיין באַזונדערע ווערטער פאַר איר און דו.

— מיך?!... — ער איז געוואָרן אַביסל אָפּגעקילט, נאָר האָט באַלד צוריק אויפגעשמייכלט. — ניין, מיין נאָמען וועסטו ניט קאָנען געבויגן. נו, זאָג: לאַקריצפּלעצל—?...

— ל—לאַק... פררר!... — האָט זי אַרויסגעשפּריצט מיט אַ געלעכטער. — אוי, ניין, ווי האָסטו געזאָגט? כאַ־כאַ!

— נו, וועסט שוין? ניין, דאָלאָרעס, מיין נאָמען איז נישט וויכטיק. אָדער — רוף מיך מאַני. ס'איז לייכט אויסצורעדן, און ס'איז בעסער פון מאָריס, אָדער מאַיקל, אָדער אַפילו סידני. אָט לאָמיר בעסער — נו, אַ „מואווי". וואָלסט אַ בעלן זיין זען עפּעס אַ „מואווי"?

זי האָט זיך זייער דערפרייט. אָ, יאָ! „אײַ'ד לאַוו טו!" — מיט פאַרגעניגן, הייסט עס. גייען מיר. —

זיי זענען אַרויס אין גאַס און זיך אַוועקגעלאָזן צו בראָדוועי.

אויפן וועג האָט ער איבערגעכאַפּט אַ פאַרבענקטן בליק וואָס זי האָט געוואָרפן אין אַ בלומענגעשעפט. ער איז אַריין אין קראָם און אַרויסגעבראַכט פאַר איר אַ רויז — אַן איינציקע רויז, אַ נאָך ניטאינגאַנצן געעפנטע, נאָר אַ פולע, אַ געפּאַקטע.

— אַ דאַנק, ליבינקער!

שוין אין טעאַטער, נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטאָן איר היטעלע, האָט זי אַרויסגענומען די רויז פון לאַץ און זי צוגע־שפּיליעט צו די האָר, ביי דער רעכטער זייט פון קאָפּ. ער־געץ האָט ער געזען אַ מאָלעריי — אַ „גאָיאַ", צי וואָס? — אַ שפּאַנישע דאַמע מיט אַ רויז ביי די שוואַרצע האָר. ניט געווען קיין ענלעכקייט צו יענער דאַמע אין געזיכט, און דאָך... אינם שוואַכן ליכט פון פאַרטונקלטן טעאַטער... איר בליק אַפילו האָט זיך געענדערט! הם... אַ מאָדנע ראַסע. —

ד.

פאַרן פאָרהאַנג, אין אַ פלעק פון פורפּורליכט, איז געשטאַנען אַ דיקער, הויכער מאַן אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַ גלאַטן, קיילעכדיקן ווייבערשן פנים, און האָט געזונגען מיט אַן אומ־געריכט־דין שטימעלע פון אַ „מלאכ'ל". די ליפּן פון זיין שמאָלן מויל האָבן זיך געעפנט ווי אַ סמך — מער אַרויף און אַראָפּ איידער אין דער ברייט. ער האָט זיס און נאָגנדיק געצויגן:

גיוו מאַי רעגאַרדס טו מאַדהער.
טעל הויר איי קען פאַינד נאָ אַדהער
הו'ד לאַוו מי עז מאַטש עז שי די—ד!...

עמיצער אויף אַ באַנק דערנעבן האָט אַ כליפּ געטאָן. דזשעני־דאָלאָרעס האָט געאַרבעט מיט איר באַוועגלעכן פנים, און

איר קאַוואַליער האָט געקוקט אויף איר בגנבֿת, מיט זיין קליינעם שמייכל אין ווינקל פון מויל. — נאָכדעם איז געקו־מען, פאַרשטייט זיך, „סאָמבאַדי וועיטינג פאַר מי", און צום סוף אַ ליד וועגן דעם, אַז די טאַבאַקבלעטער זענען גאָלד און די באַוולבליטן זענען שניי; אַז די „דאַרקיס" — די ניגערס, הייסט עס — טוען נישט מער ווי דאָס וואָס זיי עסן רויטע, זאַפטיקע קאַווענעס און טאַנצן ביי דער שיין פון דער בלויער לבֿנה, — און געשען געשעט דאָס אַלץ

דאַון דהי
מיס—סי—סיפּ—פּי!

דאָס איז געווען זייער פיין. אַביסעלע פּריקרע איז אים פאַרגעקומען דאָס וואָס די דריי לידער זענען, דאַכט זיך, גע־זונגען געוואָרן מיט דעמזעלבן ניגון. און וואָס דעם דאַזיקן

"See what I mean? No, Dolores, my name doesn't matter. Or—just call me Manny. That's easy to pronounce, and it's better than Morris, or Michael, or even Sidney. So let's—hmm . . . a movie. Want to go see a movie?"

She was delighted. "Oh yes! *I'd love to.* Let's go."

They went out into the street and set off for Broadway.

On the way, he noticed her looking longingly at a flower shop. He went in, and brought out a rose for her—a single rose, not yet fully opened, but full and compact.

"Thanks, darling!"

In the theater, after she took off her coat, she removed the rose from her buttonhole and pinned it in her hair, on the right side of her head. Somewhere he'd seen a painting, a Goya, perhaps, with a Spanish lady with a rose in her black hair. No similarity here to that lady's face, and yet . . . in the faint light of the darkened theater . . . even her expression was different! Hmmm . . . a strange race.

4

In front of the curtain, in a spot of purple light, a tall, fat man in black tails, with a smooth, round, feminine face, sang in the unexpectedly thin little voice of a "little angel." The lips of his narrow mouth opened like a samekh—more up and down than across. He continued, sweetly and languidly:

Give my regards to mother,
tell her I can find no other,
who'd love me as much as she di . . . d!

Someone sobbed in a nearby seat. Jenny-Dolores' mobile face worked continually, and her cavalier for the evening looked at her furtively, with a faint smile at the corner of his mouth. Afterward there was, of course, "Somebody's Waiting for Me," and at the end a song about how the tobacco leaves are like gold and the cotton blossoms like snow, how the "darkies"—that is, the Negroes—do nothing but eat red, juicy watermelons, and dance by the light of the blue moon, and how all this happens down de Mis-sis-sip-pi!

---

Lakritspletsl: In Yiddish this means "licorice stick." Possibly a veiled, ironic reference to I. L. Peretz's celebrated ballad "Monish" (1888), in which the balladeer complains that rendering the erotic realm in Yiddish is as off-putting as eating "licorice stick." The encounter between Manny and Jenny-Dolores can be read as a New World rewrite of Peretz's "Stories" (1903). See *The I. L. Peretz Reader*, ed. Ruth R. Wisse (New Haven: Yale University Press, 2002), 200–12.

little angel: It is not clear what Shapiro might mean by calling the singer a "little angel." In the context of the singer's "round, feminine face," though, it seems plausible to think that "a little angel" might refer to a gay man.

*samekh:* a letter of the Yiddish alphabet that is more or less in the shape of a circle.

Give my regards to mother: This song is in English transliterated into Yiddish.

a Negro: The Yiddish word is *neger.* The word is similar in connotation to the English "Negro"; the usual pejorative term is not *Neger* but *shvartser.* Hence Shapiro's pointed satire, directed not against African Americans but against blackface minstrelsy.

— איר אַרבעט שטענדיק אָט-דאָ אין רעסטאָראַן?

— די צענטע וואָך. און — האַלבע טעג. קיין לעבן קען מען דערפון נישט מאַכן.

אַהאַ! אַ אָנצוהערעניש. „מ'קען קיין לעבן נישט מאַכן". צוויי פּרנסות... — ער האָט זיך פֿאַרקרימט.

— און ווי זאָל איך אײַך רופֿן? ווי איז אײַער נאָמען?

ווידער האָט זיך איר פּנים געענדערט מיט אויסטערלישער פּלוצימדיקייט, ווי פֿון אַן אינווייניקסטער עקספּלאָזיע. אָט די שאַרפֿע איבערגייען האָבן אים דענערווירט אַביסל, ווי זי וואָלט אים אָנגעכאַפּט בײַ אַ קנעפּל אָדער אַ טאַרע מאָן בײַ אַן אַרבל. אין דער אמת'ן איז זי געווען גאַנץ צוריקגעהאַלטן אין באַוועגונגען; בלויז דער שניט פֿון איר מויל האָט זיך געוואָרפֿן ווי דער רימען פֿון אַ בײַטש, און פֿון די ווינקלען פֿון די אויגן זענען געשפּרונגען געלעכטערלעך.

— דזשעני. דזשעני הייס איך.

— דזשעני גאָר! ניין — וואָס עפּעס דזשעני?

זי האָט זיך אָנגעכלאָגן.

— פֿאַרוואָס נישט? איך בין אַן אַמעריקאַנערין. געבוירן טאַקע דאָ אין ניו-יאָרק. געווים.

— יאָ-יאָ, איך זאָג נישט... אָבער — איר זעט מיר אויס צו זײַן פֿון דרום'דיקער אָפּשטאַמונג — אַ שפּאַניערין, אַשטײַגער, אַה?

איר ברוינלאַכער שטערן איז געוואָרן ברוינער.

— נו יאָ, מײַנע אַלטע לײַט... קומען פֿון קאַליפֿאָרניע. אָבער איך בין אַ ניו-יאָרקערין. געבוירן דאָ. געבוירן טאַקע דאָ.

זי האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער לינקער האַנט אַן אַ זײַט, צו דרום-מערב-צו.

דאָס איז מסתמא געווען אמת: איר שפּראַך איז געווען אומקאָרעקט, זשאַרגאָנמעסיק, נאָר נישט אַנדערש ווי בײַם דורכשניטלאַכן אַרבעטערמיידל — אַמעריקאַניש, ניו-יאָרקיש.

ג.

ער האָט איר פֿאָרגעשלאָגן צו נעמען אַן אײַזקרעם, און זיצנדיק בײַם טיש אין „פּאַרלאָר" איז זי צוריק געוואָרן פֿרײַער. זי קען אַפֿילו קיין שפּאַניש נישט. אירע „אַלטע לײַט" — אודאי, זיי ריידן צווישן זיך שפּאַניש, אָבער זי ווייסט קוים עטלאַכע ווערטער. נו, און די תּפֿילות — אָבער יענע זענען לאַטײַן. יאָ. —

איצט איז ער אויך געוואָרן אַביסל אויפֿגעלייגטער, און האָט מיט איר אײַנגע'טענה'ט:

— אָבער, הערט זיך אײַן, וואָס פֿאַר אַ נאָמען איז דזשעני?! כ'מיין באמת. יעדע דזשעין, דזשין און דזשאָאַן איז דזשעני. וואָלט איר זיך כאָטש גערופֿן כואַניטאַ. אָדער איזאַבעללאַ. און פֿאַרוואָס טאַקע נישט דאָלאָרעס?

זי האָט אים אָנגעקוקט אַביסל אומזיכער.

— איך בין אַן אַמעריקאַנערין...

— געווים, — האָט ער זי באַרואיקט, — אודאי אַן אַמעריקאַנערין. אָבער זאָגט אַליין: דאָ—לאָ—רעס. דאָס האָט עפּעס אַ קלאַנג! כ'לעבן — כ'וועל דיך רופֿן דאָלאָרעס!...

זי איז פּלוצים געוואָרן פֿריילעך, און איבערן טיש האָט זי אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זײַנער:

— אָלרײַט! זאָל זײַן דאָלאָרעס, אַז דו ווילסט אַזוי. כאַ-כאַ!

"Have you been working at that restaurant long?"

"My second week. But just half days. You can't make a living from it."

Aha! A hint! "You can't make a living." Two incomes . . . He made a sour face.

"And what should I call you? What's your name?"

Her face changed again, with a strange suddenness, as if from some inward explosion. These sharp shifts were unnerving, as if she were grabbing a button or pulling a sleeve. In truth her movements were quite restrained; only the line of her mouth snapped like the edge of a whip, and waves of laughter leaped out at the corners of her eyes.

"Jenny. Jenny's my name."

"Jenny! No . . . What do you mean, 'Jenny'?"

She took offense at this.

"Why not? I'm an American! Born here in New York! Sure!"

"Right, right, I'm not saying . . . but you look to me like you're from the South—Spanish, maybe?"

Her swarthy forehead turned swarthier.

"Okay, yes, my folks are from California. But I'm a New Yorker! Born here. Born right here."

With her left hand she gestured to the side, toward the southwest.

That was probably true. Her speech was full of errors and slangy, but no different from that of the average working girl—American, New Yorkish.

3

He suggested having some ice cream, and sitting at one of the parlor's tables, she became more relaxed. She didn't, she said, know any Spanish. Her folks, sure, they spoke Spanish with one another, but she herself knew only a few words. Oh, the prayers—but those were in Latin. Sure.

He too was now more cheerful, and pressed her:

"But listen, what kind of a name is Jenny? I mean, really. Every Jane, Jeanne, and Joan is Jenny. Wouldn't you rather be called Juanita, maybe? Or Isabella? Or why not, say, Dolores?"

She looked at him uncertainly.

"I'm an American girl."

"Sure," he said reassuringly, "a real American girl. But say it yourself: Do-lo-res. Now that's a name with a ring to it. You know what? I'm going to call you 'Dolores'!"

She was suddenly pleased and stretched her hand across the table and put it over his.

"*Olrayt!* Dolores, if that's what you want. Ha ha ha! Dolores! . . . but what should I call you?"

In tone, they had gone over to *du* or the informal "you" in Yiddish, although modern English does not have particular words corresponding to the formal "*ir*" or informal "*du*."

"Me?" His tone was suddenly a little cooler, but he soon returned her smile. "No, you won't be able to pronounce my name. Just try: Lakritspletsl."

"L . . . Lak . . . proudprrr . . . ," she sputtered amidst repeated laughs. "No, never, what did you say again? Ha ha!"

*Olrayt:* This is in transliterated English in Shapiro's text. All such words are indicated in the translation by italics.

In tone, they had gone over to *du:* This sophisticated remark, inserted into the text by Shapiro himself, reminds us of a remarkable feature of Shapiro's story. His choices about when to use the formal pronoun, and when to use the intimate one, are skilled and expressive. But clearly the characters are imagined as speaking English, not Yiddish, and the shifts between the Yiddish pronouns express Anglophone tonalities.

In relation to the phenomena being described, then, an English translation of Shapiro's story is the original, whereas the Yiddish text is a translation.

אופ-ף! די איבערזיכט פון דער וועלט איז געענדיקט. „די וועלט פאַר דײַנע אויגן“.

איצט קומט די „קאָמעדיע“: —

מ׳לויפט. מ׳פאַלט. מ׳שטייט אויף און מ׳קריגט אין די ציין אַרײַן. מ׳לויפט. מ׳פאַלט. מ׳שטייט אויף און מ׳גיט אין די ציין אַרײַן. מ׳לויפט ווידער. מ׳פאַרלירט הויזן און קליידלאַך. אַ בלומענטאָפּ פאַלט פון אַ פענסטער אין קאָפּ אַרײַן. מ׳לויפט און מ׳שטויסט זיך אָן מיט דער נאָז אָן — אָך! — אָן אַ פּאָליסמאַן. מ׳לויפט צוריק און מ׳פאַלט אַרײַן אין אַ פאַס מיט וואַסער. מ׳לויפט נאָך אַלץ, און מ׳כאַפּט-איבער דאָס האַרץ מיט אַ ציגל אין קאָפּ אַרײַן. דער לעצטער לויף איז פאַטאַל: מ׳טרעפט זיך אָן פּנים אל פּנים מיטן אייגענעם ווײַב! דעמאָלט פאַרגלאָצט מען די אויגן אויף אַ שרעקלאַכן, אומסעגלאַכן אופן, ביז די ווײַסלען פאַרנעמען די גאַנצע עפענונגען פון דעקל ביז דעקל, און מ׳פאַלט אויף אַהינטער אין טײַך אַרײַן. עטלאַכע מאָנסטער-גרויסע לופטבלאָזנס קומען אַרויף צו דער אויבערפלאַך. כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!

— האָסט הנאה, קליינע? — שמייכלט מאַני קוקנדיק אויף זײַן באַגלייטערין.

— אָה, איט׳ס סאָ פאַני!... — ס׳איז אַזוי קאָמיש, הייסט עס — און דאָס באַוועגלאַכע פּנים פון דאָלאָרעס שפּריצט מיט טויזנט געלעכטערלאַך. דער עולם אַרום לאַכט לאַנג, קאָן גאָר צו זיך ניט קומען. אַ מתנה פון גאָט — דער הומאָר.

פון הינטער די פּלייצעס פון די צוקוקער שטראָמט און לייגט זיך אויפן לייוונט דאָס הויפּטבילד פון פּראָגראַם: „די רויטע שאַרפּע“. נו, מ׳דאַרף פאַרשטיין: אַ יונגער רעפּאָרטער פון אַן אַמעריקאַנער צײַטונג דעקט אויף אַ פאַרברעכן און געווינט אַ יורש׳טע פון אַ באַנקפּירמע. אָדער אפשר... ניין — מיר זענען ערגעץ אין אייראָפּע פון צוועלפטן יאָרהונדערט. צוויי שטאָלצע ריטער, איינער אַ רײַכער, דער צווייטער אַן אָרעמער. דער ערשטער איז שטאָלץ אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו זײַן רײַכקייט, דער צווייטער — אין דערזעלבער פּראָפּאָרציע צו זײַן אָרעמקייט. וואָס-זשע וועט זײַן? וועלכע פון די צוויי שטאָלצקייטן וועט... נאָר ווען דעם זאָל דאגה׳ן די הויכגעשטעלטע דאַמע. וואָס אמת איז אמת — שיין איז זי, די דאַמע, אין איר לאַנגן קלייד און דער הויכער פריזור, מיט פּערל אין אירע האָר. און געהויבן איז זי, אָה, אַזוי געהויבן! עס וואָלט כדאי געווען צו וויסן: עסט אַמאָל אַזאַ הימלישע באַשעפעניש? אָדער, למשל, ע... ע... ע...

מאַני קוקט זיך אום אויף דאָלאָרעס — און דער שמייכל ווערט פאַרפרוירן אויף זײַנע ליפּן. דזשעני קוקט אויף דער דאַמע מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט אַ תּפילה׳דיק פּנים, און שעפּטשעט אין דער שטיל: „כעזוסע! מאַריאַ! ווי גרויסאַרטיק זי איז!“ —

— דאָלאָרעס! — מורמלט מאַני איר אין אויער — אַנטשולדיק מיר, דאָלאָרעס. ווען איך זאָל ניט זײַן אַ חכם, וואָלט איך דאָך ניט געווען אַזאַ אידיאָט!

— אַה? — זאָגט דאָלאָרעס, ניט אַוועקרײַסנדיק די אויגן פון עקראַן. — שטער נישט, ליבינקער. קוק בעסער אַהין — פאַרוואָס קוקסטו ניט?

— איך קוק, איך קוק! וואָדען איך קוק ניט?...

ער קוקט, אָבער אויף איר, אויף דזשעני׳ן קוקט ער. פון אונטער די שוואַרצע האָר שימערט אַרויס אַ טייל פון אַן אויערל, אַ קליין אויערל, און האַרט דערבײַ גלימט ווי אַ קויל בײַם אויסגיין די רויז אויף איר קאָפּ — ווי אַרויסגעוואַקסן פון קאָפּ אַרויס. ער נעמט אירע אַ האַנט צווישן זײַנע בײדע, און זי ענטפערט מיט אַ שוואַכן, פאַרטראַכטן דריק. ביסלעכווײַז לאָזט זיך זײַן קאָפּ אַראָפּ נידריקער. די צוויי זיצן האַרט איינער נעבן צווייטן, נאָר יעדער פון זיי איז אין אַן אַנדער וועלט. —

Oops! The survey is finished. *The World Before Your Eyes.*

Now comes The Comedy.

Someone is running. Falling. Getting up and getting hit on the jaw. Running. Falling. Getting up and hitting other people on the jaw. Running again. Losing trousers and bits of clothing. A flowerpot falls from a window onto someone's head. Running and bumping with his nose into—ouch—a policeman! Running back and falling into a barrel of water. Running still, and then treating himself to a brick in the head. A last, fateful run: into his own wife! Then he rolls his eyes in a fearful, impossible way, till the whites occupy the entire space, from eyelid to eyelid, and he falls backward into a lake. Some gigantic bubbles come to the surface. Ha ha ha ha ha!

"You like it, kid?" smiles Manny, looking at his companion.

*"Oh, it's so funny,"* and Dolores' mobile face sparkles with a thousand ripples of laughter. The people around her laugh for a long time, and can't stop. A gift from God, the sense of humor.

From behind the spectators' backs, the program's main attraction flows and settles on the screen: *The Red Scarf.* Let's see . . . a young reporter for an American paper uncovers a crime and wins the heart of a banking heiress. Or maybe . . . no we're somewhere in Europe, in the twelfth century. Two proud knights, one rich and one poor. The former is proud in direct proportion to his wealth, the latter, in proportion to his poverty. So what will happen? Which of the two prides will . . . but let the high-born lady worry about that. What's true is true. She is beautiful, the lady, in her long gown and high coiffure, with pearls in her hair. And noble, too, oh how noble! Interesting: does so heavenly a creature ever eat? Or, let's say, does she . . . But no, no, no! Manny looks over at Dolores and the smile freezes on his lips. Jenny is looking at the lady with wide-open eyes, her whole face almost prayerful, and she whispers in the silence: "Jesus, Maria—she's so lovely!"

"Dolores," Manny murmurs in her ear. "Forgive me, Dolores. If I weren't so smart, I wouldn't be such an idiot."

"Huh?" says Dolores, not tearing her eyes from the scene. "Shh, darling—look up there—why aren't you looking?"

"I'm looking, I'm looking. Why wouldn't I be?" And he does look, but at her, it's at Jenny that he looks. Beneath her black hair there's the shimmer of an ear, a dainty ear, and right beside it, like a dying ember, the rose in her hair is glowing, as if growing out of the hair itself. He takes her hand between his two hands, and she responds with a faint, absorbed clasp. Gradually his head sinks down. The two sit close to each other, though in different worlds.

— אויסטערס! — האט מאני באשלאסן ארויסגייענדיק פון טעאטער. — מיר גייען עסן אויסטערס.

דאלארעס איז נאכגעגאנגען שווייגנדיק, מיט א שאטן פון א פארטראכטן שמייכל אויף די ליפן. דרויסן איז געווארן קעלטער, און קליינע, איינצלנע שנייעלעך האבן זיך ארומגעבלאנקעט אין דער לופט. אין גרויסן "לאנטשרום" מיט די פאפולערע פרייזן איז געוועןווארעם, ליכטיק און טומלדיק פון די נאכטעאטעדבאזוכער. מאני האט באשטעלט אויסטערס „אין די מושלען", דאלארעס האט גענומען א

נעקעכטס פון אויסטערס מיט מילך. זי האט געגעסן מיט דער איבערטריבענער מאנירלאכקייט פון דער „עכטער" ניויארקערין: פארשנורעוועט דאס מויל, געזופט צו קליינע ביסעלאך, געהאלטן דאס פעניצל ברויט איידל, מיט צוויי פינגערלאך, און גענפיקט ווי א פייגעלע. פארבייסן האט זי מיט רויטן געצוקערטן זשעלאטין אין געשלאגענעם שטאנט. מאני האט זי אבסערווירט פון אונטערן שטערן ארויס. איינמאל האט ער א פרעג געטאן:

— וואוינסט מיט דיינע עלטערן?

א וואלקן איז איבערגעגאנגען איבער איר שטערן און איז פארשוואונדן. זי האט געשוויגן אביסל. דערנאך רואיק געזאגט:

— אז מ'ארבעט אין א רעסטאראן, זעט מען זיך אן מיט אלערליי מענטשן.

אט אזוי פשוט! איגנארירט א פראגע וואס איז אפשר צו אינטים — און אליין אויפגעהויבן א טעמע.

— אנטקעגן וואס זאגסטו דאס?

— אט, סתם אזוי, זיך דערמאנט... צו אונז אין „אויטאמאט" קומט אריין איינער אזא פארשוין, א קליינינקער, א דארינקער, א מיאוסינקער. מיט ברילן, אין א קיילעכיקן הוטל פון פארפינפיארן, אין אן אפגעריבענעם מאנטל. מיט איין ווארט — א פארזעעניש, א לאבודרע. מוז זיין פון די ראזיקע — פון די רוסן, צי וואס?... עסן עסט עס נאר בלינעס מיט סיראפ

— יא, דערפאר, מ'אפנים, האב איך זיך דערמאנט: האסט אויך געגעסן בלינעס... אבער יענער — עסט נישט קיין אנדער זאך. בלינעס און בלינעס, און אן עק! א קאמעדיע. איך ווארט שוין נאר נישט אויף זיין באשטעלונג: ער נישט נאר א שמייכל, און איך באשטעל פאר אים בלינעס. אט, א שמייכל, זעסטו האט ער דווקא א וואוילן. דאס הייסט, ווי זאל איך דיר זאגן?... א שמייכל ווי אלע שמייכלען. ניין... טאקע א פיינער שמייכל. איז וואס-זשע האב איך געוואלט דערציילן? איז, יא — זעצט ער זיך אוועק ביי א טישל, נישט זייער ווייט, נישט זייער נאענט, עסט זיך זיינע בלינעס — און פארווארפט אן אויג צו מיר. נו, וואס קוקט א מאן אויף א מיידל? מ'ווייסט שוין. קוקט ער — און דערביי בלייבט עס. זאגן דעם אמת, האב איך אין אנפאנג אפילו געפרואווט אים צוגעבן מוט: א פאר מאל א שמייכל געטאן צון אים. געוועזן טשיקאווע צו זען וואס פאר א מענטש. אבער ער שמייכלט צוריק — און קיין ווארט נישט. נאכאמאל געפרואווט — דיזעלבע געשיכטע. איז וואס-זשע קוקסטו? קוק! האט ער זיך מיר צוגעגעסן אביסל. נאר וואסדען? כ'האב זיך צוגעוואוינט. עס האט זיך איינגעשטעלט צווישן אונז עפעס אזוינס... אטאזוי, שווייגנדיק. ער קומט אפט, עסט בלינעס, כאפט א קוק, שווייגט. און טאמער אמאל באווייזט ער זיך נישט א שטיקל צייט — פעלט ער מיר! דיד יו עווער?... — געזען אזוינס?... כא-כא!

זי איז געווארן פריילעכער, שטיפעריש, און האט ביים ארויסגיין פון רעסטאראן אים א כאפ געטאן אונטערן ארעם און זיך צוגעדריקט צו'ן אים.

— נו, און איצט, מיידעלע, — האט מאני געזאגט, — גיי אהיים.

זי האט אראפגעלאזט זיין ארעם, זיך אויסגעגלייכט ווי אן אנגעצויגענע סטרונע און אים אנגעקוקט שטום — דערשטוינט — פארוואונדעט.





"Oysters," Manny decided as they left the theater. "Let's have some oysters!"

Dolores follows, silently, the shadow of a pensive smile on her lips. Outside it was colder, and small, scattered snowflakes drifted in the air. In the big *lunchroom* with its "popular prices," it was warm, bright and noisy with all the after-theater customers. Manny ordered oysters "in their shells," Dolores an oyster chowder. She ate with the exaggerated etiquette of the "real" New Yorker: narrowed her mouth, took small sips, held the slice of bread delicately, and with just two fingers, picked at it like a bird. For dessert she had red, sweetened gelatin in whipped cream. Manny observed her from under his eyebrows. Once he said,

"You live with your parents?"

A cloud passed across her forehead, and was gone. She was silent for a moment. Then she said softly,

"You know, if you work in a restaurant, you see all sorts of people."

As simple as that! Ignoring a question that was perhaps too intimate, and introducing a new subject on her own.

"What makes you say that?"

"Oh, nothing particular, just remembering . . . One day in the automat, someone comes in, a little guy, skinny, homely. With glasses, in a round hat a good five years old, a threadbare coat. In a word, a real sight, a bum. Must be one of these Russians, maybe? All he eats is pancakes and syrup. Oh, right, that's probably what I remembered, you had pancakes too, but this guy, that's all he eats. Pancakes and more pancakes, and that's it. A real show. I don't even wait for his order any more. He just smiles, and I put in the order for pancakes. Right, a smile, he has a nice one you know. That is—how to put it? A smile like other smiles? But no . . . a really fine smile. So what did I want to tell you? Hmm, yes. He sits down at a table, not too close, not too far, eats his pancakes and looks at me. And why does a guy look at a girl? No mystery there! He looks and that's as far as it goes. To tell the truth, at first I tried to encourage him a bit. A couple of times I smiled back. I wanted to know what sort of guy he was. But he smiles back and doesn't say a word. I tried again. Same story. So what are you looking at? Go on, look! He was getting on my nerves a bit. There was something between us . . . just like that, silently. He comes in often, has his pancakes, looks, says nothing. But if he doesn't come in for a while I miss him! *Did you ever* see anything like that? Ha ha ha!"

She was more cheerful now, more playful, and as they left the restaurant grabbed him beneath his arm and pressed against him.

"So now, young lady," said Manny, "time to go home."

She let his arm fall, straightened like a tightened string, and looked at him wordlessly. Amazed. Hurt.

Oysters: They are not kosher. Nor will be the bacon Manny cooks up the next morning.

— וואָס־זשע קוקסטו אַזוי, אַ? שפּעט. צייט פאַר דיר צו גיין שלאָפן — און פאַר מיר אויך.

זי האָט אַלץ געשוויגן, און ער האָט אומרואיק געמאַכט אַ שפּאַן אַוועק פון איר און צוריק צון איר. זי האָט אים אָנגענומען ביי אַן אַרבל.

— נעם מיך מיט. נעם מיך ערגעץ.

— ם־ניין, — האָט ער כמורנע געזאָגט. — איך... ס'איז ניט מיין גאַנג.

— ס'מיינסטו?

— ניט מיין גאַנג. נו, סט'ניט פאַרשטיין. און וואוהין זאָל איך דיך נעמען? טאָמער האָב איך אַ ווייב מיט קינדער אינדערהיים, אַ? זאָל איך דיך ברענגען אַהיים צו מיין ווייב, אַ?

— אַבער... אין אַ האָטעל!

— אַ האָטעל? פע! אַ האָטעל? כ'האָב פיינט האָטעלן!

ער האָט צערודערט און אומגעדולדיק אַרומגעטאַנצט אַרום

איר אויף איין אָרט.

— וואָס ביזטו פאַר אַ מענטש?... — האָט זי זיך געוואונדערט.

— אַ מענטש? — ווי אַלע מענטשן. ניט פיל ערגער פון אַנדערע מענטשן...

/

אים איז פּלוצים עפּעס איינגעפאַלן.

— הער זיך איין, — האָט ער געזאָגט, — איך פאַרשטיי...

ער האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט צו זיך אין קעשענע, נאָר ביי איר האָבן אויפגעפינקלט די דרום'דיקע אויגן, דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרימט, און דאָס פּנים איז געוואָרן זייער ניט־שיין. ער האָט פאַרשטאַנען, און איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק. זי האָט זיך תיכף געצוימט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק פאַרן פאַרגעניגן.

אײדער ער איז געקומען צו זיך, איז זי שוין געווען אַ צענדלינג טריט פון אים.

— פ־פע! — האָט ער זיך פאַרקרימט ווי פון אַ שלעכטן טעם אין מויל, און איז איר נאָכגעלאָפן.

— וואַרט אַ ווײַלע. איך... נו, האָב קיין פאַריבל ניט. איך בין אַ גולם. וואָס־זשע לויפסטו אַזוי?

זי האָט פאַרקלענערט די טריט, נאָר נאָך אַלץ געהאַלטן

אין גיין.

— איך זאָג דיר — כ'בין אַ שטיק משוגענער. דאַרפסט ניט זיין בייז אויף מיר. איך מיין ניט קיין שלעכטס. נו גוט, קום מיט מיר, דאַלאַרעס — דזשעני — דאַלאַרעס. קום, קליינע — זיי ניט בייז.

זי איז געבליבן שטיין, גאָר, קענטיק, ניט געקאָנט זיך באַרואיקן אַזוי מיטאַמאָל. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם.

— קום־קום. מירן זיך דורכגיין אַביסל. דערנאָך — וועל'מיר זען.

דער שניי איז איצט געפאַלן שיטער, אין לייכטע און וואַרעמע פעדערן, וואָס זענען געקומען פון דער הויך אָן אימפּעט, האָבן זיך געבלאָנקעט אין דער לופט און זיך צוגעזעצט וואו וועלכעס אַזוי ווי אויף אַ ווײַלע, ווי גרייט זיך ווידער אויפצוהייבן און אַוועקפליען ערגעץ־אַנדערש. די פינפטע עוועניו האָט אָנגעהויבן ווייסלען צווישן די פאַרשטומטע הויכע ווענט. פון צייט צו צייט האָט אַן אויטאָמאָביל זיך פאַרבייגעגליטשט מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיידענעם שאָרך. ס'האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז ניו־יאָרק שלאָפט, נאָר וואָסדען? — זיך צוגעזעצט אין אַ פאָטעל, מיט אַ ניט־געצונדענעם ציגאַר צווישן די פינגער, און פוילט זיך טראַכטן. —

"Why the look? It's late. Time for you to go to sleep. And for me too."

She remained silent, and he, uneasily, stepped away from her, then back. She took hold of his sleeve.

"Take me with you. Take me somewhere."

"Mm . . . no," he said gloomily. "I . . . it's not my style."

"Meaning what?"

"Not my style! You can't understand. And where am I supposed to take you to? Say I have a wife and kids at home, eh? I'm supposed to bring you home to my wife??"

"But . . . in a *hotel!*"

"A hotel? Hell! A hotel? I hate hotels."

He was upset, and paced impatiently around her.

"What kind of a man . . . ?" she wondered.

"What kind of man? A man like other men. Not a lot worse than other men . . ."

Suddenly he had an idea.

"Listen," he said. "I understand . . ." He put his hand into a pocket, but her southern eyes were suddenly full of fire, her mouth twisted, her face the opposite of beautiful. He understood, and stood still, discouraged. She bridled, shook her head, and said,

"Good night. And thanks for a nice evening."

Before he recovered himself, she was ten steps away.

"Hell!" He grimaced, as if from a sour taste in his mouth, and ran after her.

"Wait a minute. I . . . come on, don't get me wrong. I'm a golem. Why are you running away like that?"

She took smaller steps, but kept walking.

"Hey, listen—I'm a little crazy, you know, couldn't calm myself down all at once." He took her by the arm. "Come on, come on, we'll stroll a bit. Then—we'll see."

The snow was now falling less heavily, like light, warm down, descending without hurry, drifting in the air and then the flakes settling each one in its own place, as if just for a moment, ready to rise again and fly away elsewhere. Fifth Avenue was beginning to turn white, between mute, high walls. Now and then an automobile slid by, with a muffled, silken rustle. You couldn't say that New York was sleeping, but rather—what, exactly?—that it had settled itself in an armchair, an unlit cigar in its fingers, too lazy to think.

ביי דער 59טער סטריט האט מאני צוגערופן א טעקסי. דער קורצער און העפטיקער רוגז וואס איז אדורכגעלאפן צווישן זיי א ווײַלע פריער האט אװעקגעטראגן יעדן שפור פון

פרעמדקייט, נאר קיין חשק צו ריידן איז נים געווען. אין אויטאמאביל האט ער זי ארומגענומען מיט איין האנט, זי האט זיך צוגעטוליעט צו'ן אים, און אזוי זענען זיי געזעסן ביז די טעקסי איז געבליבן שטיין נעבן א גרויסן אפארט־מענט־הויז אין בראנקס. זי האט געווארפן אויפן אריינגאנג א פאר'תידוש'טן בליק: נים קיין האטעל — נאר זי האט גארנישט נים געזאגט. זיי האבן דורכגעשניטן א גרויסן אונטערשטן „האל" און צוגעקומען צו די טרעפ.

— נעם מיין האנט, — האט ער געזאגט, — און אייל זיך נים. וועסט האבן צו שטייגן און צו שטייגן.

די קארידארן און די טרעפ זענען געווען גוט באלויכטן, פוסט און שטיל. זי האט אנגעשפארט איר קאפ אן זיין אקסל, און אזוי האבן זיי זיך געהויבן, דורך דער ליכטיקער פוסטקייט, פון שטאק צו שטאק, ווי א פארפאלק וואס קערט זיך אום אהיים שפעט ביינאכט פון א שמחה ביי גוטע־פריינט.

ו.

דער טאג איז אזוי הייס, אז די באגראזטע ערד אונטער מאני'ס קערפער איז ווארעם און נאכגיביק ווי א וואלענע קאלדרע. דער טאג איז אזוי ליכטיק, אז דורך די פארמאכטע אויגנדעקלאך זעט ער זייער קלאר דעם גרינעם טאל דארט ווייט אינדערנידער, דעם בלאסבלויען, ווי פון ליכט אפגע־בליאקירטן הימל ארום און איבער דער גארער וועלט, און

די רייכע שעזשעליורע פונם קאשטאנענבוים הויך איבער זיין קאפ. ער ליגט אויף א זייט, מיט דער לינקער האנט אונ־טער דער באק, און רוט מיט יעדן איבר. —

ס'איז זייער שטיל. נאר ערגעץ נאענט אן א זייט זינגט א בין אויף א דריבנעם, שיטערן טענאר: „שאר—לאך—רויט!... שאר—לאך—רויט!"...—וואס מיינט זי דערמיט?—

פארטראכטערהייט טוט ער א ליג אוועק זיין רעכטע האנט אויף דער ערד נעבן זיך — און טרעפט אויף עפעס־אזוינס וואס לאזט ארויס א שוואכן דערשראקענעם פיפס. ער כאפט זיין האנט צוריק. אויפן גראז זיצט א פיצעלע פייגעלע און דרייט מיטן שנעבעלע און מיט די געלע קיילעכיקע אייגלאך. די ראזיקע הויט קוקט דורך צווישן די שיטערע פעדערלאך. נאך גאר א ביבי; געמוזט ארויספאלן פון נעסט. ער לייגט נאכאמאל ארויף א האנט אויפן קליינעם קערפערל — פארזיכטיק, צערטלאך. דאס פייגעלע צאפלט־אויף שוואך, קוים צו פילן, נאר, קענטיק, אן שרעק. ווערט שטיל, און גיט זיך ווידער א צאפל. עס צאפלט זיך שוין איצט אפט, רעגלמעסיק און רואיק, צוטרוילאך. נו, נאר נישט קיין מורא! נישט — קיין — מורא. נישט — מורא. מורא. מורא. —

ביי זיך אין קאפ, ערגעץ כיים נאקן, האט ער געלאזן ליגן א געדאנק, וועלכן ער דארף ארויסשלעפן און באקוקן פונ־דערנאענט. וואס איז עס געווען? יא: וויאזוי זעט ער עס דורך צוגעמאכטע אויגן? אויב עס איז אזוי ליכטיק, וואס־זשע וועט שוין זיין אז ער וועט עפענען די אויגן? משוי־קאוע. און ער נים אן עפן די אויגן — גלייך אין שטאק־

פינסטערניש אריין. אומגלויבלאך! ער פארמאכט זיי האסטיק צוריק: פינסטער, שווארץ. ער עפנט זיי ווידער: שווארץ, פינסטער. אונטער זיין האנט צאפלט זיך נאך אלץ דאס פייגעלע — רואיק, רעגלמעסיק, ווי עס קלאפט א מענטשלאך הארץ. אונטער זיין האנט קלאפט — א מענטש־לאך הארץ.

— ער איז געקומען צו זיך.

At 59th Street, Manny called a taxi. The brief sullenness that had come between them, moments ago, had removed any trace of strange-ness, but there was no inclination to talk. In the car, he embraced her with one hand, she snuggled up to him, and so they sat until the taxi stopped by a big apartment building in the Bronx. She took a surprised look at the entryway. Not a hotel. But she said nothing. They made their way across a large, lower *hall* and reached the stairs.

"Take my hand," he said, "and take your time. You'll have to climb, and then climb some more."

The corridors and stairways were well lit, empty, quiet. She leaned her head against his shoulder as they climbed up, though the bright emptiness, from floor to floor, like a couple returning home late at night from a party at the house of good friends.

6

The day is so hot that the grassy earth under Manny's body is as warm and yielding as a wool blanket. The day is so bright that through his closed eyelids he can clearly see the green valley far beneath, the pale blue sky, as if bleached with light, around and above the whole world, and the rich foliage of the chestnut tree high above his head. He is lying on his side, his left hand under his cheek, and resting with every fiber of his being.

It is very quiet. But somewhere nearby, off to his side, a bee is hum-ming in a small, thin tenor, "Scar-let-red! . . . scar-let-red!" Meaning what?

Pensively, he taps his right hand across the ground next to him and encounters something that utters a faint, frightened peep. He snatches his hand back. On the ground is a tiny little bird, turning about with its beak and yellow round eyes. Pink skin can be seen through the sparse feathers. Still a baby. He must have fallen out of the nest. Again he puts his hand on the tiny baby—cautiously, tenderly. The bird wriggles weakly, almost imperceptibly, but clearly without fear, is quiet, and then wriggles again. Now the wriggling is more frequent, regular and quiet, trusting. So just don't be afraid! Don't-be-afraid, be-afraid. Afraid-afraid-afraid.

Inside his head, toward the back, there is a thought lying, which he has to draw out and look at closely. What is it? Oh, yes: how is it that he can see with closed eyes? If it's so bright, what will happen if his eyes are open? Curious. And he starts to open his eyes straight into absolute darkness. Unbelievable! Quickly he closes them again: darkness, black-ness. He opens them again: blackness, darkness. Beneath his hand, the bird is still wriggling—quietly, regularly, the way a human heart beats. Beneath his hand beats a human heart.

He wakes up.

Night. Lying for a while with one's eyes open, one sees that it is not so black, not at all so dark. The light from the stars stream through the

— — — די קליינע דארטן, יא, דאס מענטשנקינד בענקט נאך... נו, שוין געהערט דעם פזמון. אבער וואס האב איך

געוואלט אויסכרייען? געקויפטע ליבע איז — אויך ליבע. ווייז דעם מענטשנקינד א שקל — און עס הייבט אן צו זינגען שירה. נאר דער וויץ איז, אז דאס געזאנג איז — עכט. טאקע דער שקל, נאר קוים האט עס אנגעהויבן, איז... כא-כא! וואס-זשע באטייט דאס? שוין־זשע האב איך אזוי שלעכט פארשטאנען? מיין גאנץ לעבן אזוי שלעכט פארשטאנען? מיין גאנץ לעבן?... דאס וואלט געווען שוין צו-פשוט. צו-פשוט טויג ניט. צו־פארוויקלט — טויג אויך ניט. בכן, איז וואו האלט איך?... וואו איז דער אנהויב און וואו... — אה, העלל!... — — — ער האט אויסגעשפיגן דערפאר וואס ער האט אריינגענומען דעם סיגארעט מיטן פייער אין מויל, ווי אויך פון פארדראס אויפן פארפלאנטערטן קנויל.

דער טאג איז בלוילאך־ווייס געגאנגען אין הויז דורך אלע פענצטער. מאני האט שטיל געעפנט די טיר צום שלאפצימער און איז צוגעגאנגען צום בעט. דאלארעס איז געלעגן אויפן רוקן מיט איין האנט אונטערן נאקן, און איין באק אירע האט געגליט רויט. זי האט רואיק געאטעמט, און ער האט געקוקט אויף איר פאר׳חידוש׳ט, צעטומלט. און פלוצים, אן שום הכנות, האט זי געעפנט די אויגן. א ווילע האבן די אויגן געוויזן, אז זיי פארשטייען גארניט. דערנאך האבן זיי אויפגעבליצט. דערנאך זענען זיי געווארן טונקעלער. א שמייכל האט זיך א שליינגל געטאן צווישן די ליפן, און די אויגן זענען געווארן נאך טונקעלער. —

ז.

מאני האט אריינגענומען די מילך פון קארידאר, און דער

ריח פון א „גוי׳אישן" אנבייסן האט זיך פארשפרייט איבער דער וואוינונג: אייער, חזיר-גריוון, פרישע קאווע.

— דאלארעס, פרישטיק!

— ם-באלד...—האט זי געענטפערט פון שלאפצימער ארויס. זי איז געזעסן אויפן בעט א פארטראכטע אינמיטן אנטאן זיך, אין פיאלעטענע אונטערהויזן, נאקעט ביז דער טאליע: א קערפער א יונגער, כמעט א אינגלשער, דער קאפ — אומגעריכט — פון א דערוואקסענער פרוי, די שווארצע האר צעלאזן, די אויגן אויפגעריסן, דאס מויל אפן, אין א צושטאנד פון זעלבסטהיפנאז. צום סוף האט זי מיט שוועריקייט אוועקגעריסן איר בליק פון עפעס א פונקט אין רוים און איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. זי האט געכאפט אין די הענט דעם הויפן פון אירע קליידער און איז דורכגעלאפן דורכן פאדערשטן צימער אין וואנע אריין.

געגעסן האבן זיי שווייגנדיק, יעדערער פארנומען מיט זיינע אייגענע געדאנקען. דערווייל האט די זון געטאן א קוק ארויס פון הינטער א שארפן קעגנאיבערדיקן דאך און דורכן הויכן פענצטער א ווארף געטאן אויפן דיל א גליענדיקן גאלדענעם שווערד, א גראדן, א שארפן, מיט א לאנגן, דינעם שפיץ. דאס איז געשען אזוי פלוצים, אז ביידע האבן זיך אומגעקוקט און מיט פארשפיצטע אויערן זיך געריכט אויף א מעטאלענעם קלונג. ער איז ניט געקומען, און זיי האבן זיך איבערגעקוקט מיט א שוואכן, אויסגעשטיסטן, בלאנדזשענדיקן שמייכל. באלד דערנאך האט דאלארעס פארענדיקט איר עסן, האט אנגעטאן איר הוט און מאנטל און געשעפטסמעסיק אנגעפודערט דאס פנים קעגן שפיגל. מאני איז אויפגעשטאנען, האט ארויסגענומען פון א שופלאד פון ביורא א פאר פאפירלאך און זיי איר דערלאנגט. זי איז אפגעטראטן פון אים און האט א שאקל געטאן מיטן קאפ: ניין.

ער האט זיך אומגעדולדיק פארקרימט.

— נעם, נו.

זי האט פארווארפן די הענט אהינטער, ווי א קינד.

— אבער... פארוואס ניט?

זי האט צוגעשוויגן. דערנאך מיט שוועריקייט ארויסגעקוועטשט:

—"The little one there, yes, the child of man, still desires. Oh, come on, we've heard that refrain before. What was it I wanted to demonstrate? Love that is bought is still love. Show the child of man a shekel and it starts singing psalms. But the joke is, that the psalm is genuine. It's a shekel, sure, but no sooner has it begun but . . . ha ha ha! What does that mean? Was I misunderstanding? My whole life long was I misunderstanding? My whole life? That would be too easy. Too easy is useless. Too complicated—is also useless. So where do I stand? Where is the beginning and where . . . *Oh, hell! . . .*"—He spat, having swallowed a bit of the lighted cigarette, and from vexation at the whole tangled knot.

The blue-white day came into the house through all its windows. Manny silently opened the door to the bedroom and went to the bed. Dolores lay on her back, one hand beneath her neck, one of her cheeks glowing red. She was breathing quietly, and he looked at her in surprise, confused. And suddenly, without warning, she opened her eyes. For a while her eyes showed only that they understood nothing. Then they flared up. Then they became darker. A smile slithered between her lips, and her eyes became even darker.

7

Manny brought in the milk from the hall, and the smell of a "goyish" breakfast wafted through the apartment: eggs, bacon, fresh coffee.

"Dolores, breakfast!"

"Coming . . ." she answered from the bedroom. She sat on the bed, pensive, as she got dressed, in violet underwear, naked from the waist up. A young body, almost boyish, the head, unexpectedly, belonging to a grown woman, the black hair loose, the eyes staring, the mouth open, self-hypnotized. Then, finally, with difficulty, she tore her gaze away from some point in the room, and sprang out of bed. She picked up the heap of clothing and ran through the front room into the bath.

They sat in silence, both occupied with their own thoughts. Meanwhile the sun peeped in from a steep roof opposite, and flung on the floor a radiant, golden sword, straight, sharp, with a long point. It happened so suddenly that both turned around, and with pricked-up ears listened for a metallic clang. It did not come, and they exchanged glances with faint, vague, wandering smiles. Soon afterward Dolores finished eating, put on her hat and coat, and in a businesslike way powdered her face in the mirror. Manny got up, and from a desk drawer took a couple of bills and handed them to her. She stepped away from him, shook her head: "No."

He grimaced, impatiently.

"Come on, take it."

She threw her hands back, like a child.

"But . . . why not?"

She was silent. Then, with difficulty, straining to get the words out

"goyish": means Gentile, not only because the bacon is forbidden by the laws of kashrut, but also because the whole style of the breakfast is American rather than Jewish.

— איך... דאָס מאָל בין איך אויסגעגאַנגען—פֿונסיינעטוועגן.

— פֿונדיינעטוועגן?...

ער האָט דאָס צעקיַיט. דערנאָך איז ער צוגעטראָטן צו איר נאָענט און האָט ווייך געזאָגט:

— הער זיך איַין: נעם, עס וועט צוניץ קומען. אַ מתּנה, פֿאַרשטייסט? אָדער... נו, אָט וואָס: קויף דיר עפּעס אַ שיינע זאַך צום געדיינקען... ניין — קויף דיר אַ גוט זיידן העמדל וואָס זאָל צופּאַסן צו דיין הויט צאַרט — צערטלאַך — אָט אַזוי.

זיי זענען געשטאַנען אַ ווײַלע איינער נעבן אַנדערן שטום.

דערנאָך האָט זי נישטקוקנדיק אַריינגעשטופּט דאָס געלט צו זיך אין בייטל און געזאָגט:

— גודבאַי.

ער האָט גענומען איר האַנט און צוגערירט זיינע ליפּן צו אירע פֿינגער. געמאַכט האָט ער עס אַכיסל שפּאַסיק-צערע-מאָניש: דער שטאָלצער ריטער, הייסט עס, אין שלאַפֿראָק און מיט אַ גלאַנציקן פּליך אויפֿן קאָפּ, און די הויכגעשטעלטע דאַמע — אין נויאָרק פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער דזשעני פֿון 10טער עוועניו האָט עס צוגענומען אָן אַ שמייכל, ערנסט, כמעט שטרייננג. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איז אַוועק צו דער טיר און האָט זי געעפֿנט. דאָ האָט זי זיך אומגעקוקט אויף אים צום לעצטן מאָל. פֿון הינטער דעם דאָזיקן בליק, פֿון ערגעץ זייער וויַיט, האָט עס אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט אַזאַ היימישקייט, מיט אַזאַ נאָענטקייט, אַז ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט שטיל געמאַכט אַ טראָט אַהינטער און צוגעצויגן די טיר צו זיך. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿאָרויס — און באַלד געבליבן שטיין. מיין גאָט! וואָס איז׳דאָס — וואָס איז׳דאָס געווען?...

"I . . . this time I went—for myself."

"For yourself?"

He thought this over. Then he stepped over close to her and said softly,

"Listen . . . take it, it'll come in handy. A gift, understand? Or . . . okay, let's put it this way: buy yourself something nice, to remember . . . No. Buy yourself a nice silk blouse, something that goes with your nice tender skin—tenderly—like that."

They stood for a while, one next to the other, in silence.

Then not looking, she stuffed the money into her bag and said,

"Goodbye."

He took her hand, and brushed her fingers with his lips. His manner was both playful and ceremonious, the proud knight, it seemed, in his dressing gown, a shiny bald spot on top of his head, and the highborn lady, in New York, in the twentieth century. But Jenny of 10th Avenue received the gesture without a smile, earnestly, almost haughtily. She gave a shake of her head, went toward the door, opened it. There she turned back toward him for the last time. From behind her glance, from some place very far away, a wave of such intimacy, such closeness, came upon him that he squirmed. Quietly she took one step back, then closed the door behind her. He threw himself forward—and then, quickly, stood still. My God! What's all this? What was all this?

1931 (translated by Lawrence Rosenwald)